ב"ה

# צעירי השלוחים

A project of
The Shluchim Office

פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת שמיני, כ"ה ניסן תשס"ז
גליון 3, מספר 22

## פרשת שמיני

לעבן מיט דער צייט

### וירא כל העם וירונו

**ותצא אש מלפני ה' וגו' וירא כל העם וירונו ויפלו על פניהם.** דאס מיינט:אידן האבן דערזען דעם גילוי שכינה אין דעם טאג ווען מ'האט אויפגעשטעלט דעם משכן, האט דאס געבראכט אידן צו א שמחה גדולה.

און ווי רש"י טייטשט אפ **"וירונו** - **כתרגומו"** ("וירונו" מיינט ווי דער טייטש פון תרגום), וואס דער תרגום זאגט "ושבחו" - אידן האבן געלויבט דעם אויבערשטן פאר דעם גילוי שכינה וואס איז געקומען אין משכן.

ובפרט איז די שמחה גרויס מצד דעם וואס דער גילוי שכינה איז געווען אין **"מעשה ידיכם"**, ווי די ברכה וואס משה און אהרן האבן געבענטשט אידן: "אמרו ויהי נועם ה' אלקינו עלינו, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם". (זיי האבן געזאגט, זאל די זיסקייט פון דעם אויבערשטן זיין אויף אונז, זאל דער אויבערשטן רוהען אין די ארבעט פון אונזער הענט).

דערפון איז א הוראה פאר יעדער אידן:

צום אלעם ערשטן לערנט אונז תורה, אז גלייך ווען א איד וויל, דערזעט ער געטלעכקייט, און דערפילט אז **"הנה ה' נצב עליו...ובוחן כליות ולב"** (דער אויבערשטער שטייט איבער אים און קוקט זיך איין צי דינט ער דעם אויבערשטן ווי ער דארף).

און דערנאך דארף דאס אים ברענגען צו א מצב של שמחה, **"וירונו** - **ושבחו"**: ער זינגט א פרייליכן ניגון וויסנדיק אז דער אויבערשטער האט אים אויסגעקליבן און אנטפלעקט זיך צו אים און האט אים געגעבן פארשידענע מצוות, ביז עס ווערט דער **"ישמח ישראל בעושיו"** (אידן פרייען זיך מיטן אויבערשטן) מיט דער אמת'ער שמחה.

*(פון דער רבי'ס רעדט צו קינדער - שיחת י"ח ניסן תשמ"ה, תנש"א)*

טייערע קינדער שלוחים,

דער זייגער גייט. יעדער סעקונדע, יעדער מינוט און יעדער שעה ציילט מען. מען ציילט ביז מען וועט אנקומען צו שבועות, צו קבלת התורה. מיר זיינען יעצט געקומען פון הייליקן יום טוב פון פסח, און מיט די כוחות ארבעטן מיר צוגרייטן זיך צו דעם הייליקן יום טוב.

קינדער, ווען די אידן זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים זיינען זיי נאך געווען צוגעוואוינט צו דעם לעבן פון די מצריים. עס האט גענומען צייט און אסאך ארבעט ביז זיי זיינען געווען גרייט צו זיין דער פאלק פון דעם אויבערשטן און אננעמען זיין הייליקע תורה.

יעדן יאר גייען מיר אריבער די זעלבע זאך. מען גייט ארויס פון מצרים פסח צייט, און מיט נייע כוחות הויבן מיר אן ציילן יעדער טאג, און יעדער וואך צו זיין גרייט ביי זיך פאר קבלת התורה!

ווען דו ציילסט ספירה יעדער נאכט, טראכט וואס דו קענסט טאן צוגרייטן זיך צו קבלת התורה. לאמיר בעטן אז דעם יאר זאלן מיר שוין זוכה זיין צו קבלת התורה החדשה פון משיח צדקנו!!

-א. וועכטער

# דער חסידיש'ער לוח

## כ"ח ניסן



זעכצן יאר צוריק, כ"ח ניסן, האט דער רבי געזאגט א שיחה.
דער רבי האט געזאגט אז יעצט איז א ספעציעלע צייט, און די "העכסטע צייט פאר די גאולה", אבער נאך אלץ איז משיח ניט געקומען.
מיט שטארקע ווערטער האט דער רבי געזאגט אז מען קען ניט פארשטיין פארוואס משיח איז נאך ניט געקומען.
דער רבי האט געזאגט, "איך האב געטאן אלס וואס איך האב געקענט, און יעצט גיב איך דאס איבער צו יעדערן פון אייך, טאן אלס וואס איר קענט, אראפברענגען משיח".
גלייך דערנאך האט דער רבי געגעבן געלט אז מען זאל דאס געבן צו צדקה.
קינדער, דער מאנטאג איז כ"ח ניסן, לאמיר טאקע טאן אלס וואס מען קען, אראפברענגען משיח'ן!

# שבת מברכים ראש חודש

### דער שבת איז שבת מברכים אייר

- ☐ איך האב געזאגט תהלים שבת אינדערפרי.
- ☐ איך בין געגאנגען אין שול און איך האב געבענטשט דעם נייען חודש.

### ראש חודש אייר

מיטוואך ל' ניסן & דאנערשטאג, א' אייר

- ☐ איך האב געזאגט הלל
- ☐ איך האב געזאגט יעלה ויבא
- ☐ איך האב געזאגט ברכי נפשי
- ☐ איך האב געדאווענט מוסף
- ☐ (מיידלאך) איך האב ניט גענייט אדער געוואשן קליידער

# האסטו געוואוסט?

עס זיינען פאראן זעקס שבתים צווישן פסח און שבועות. מיר האבן א מנהג צו לערנען א פרק פון פרקי אבות יעדן שבת נאך מיטאג זיך אנגרייטן פאר שבועות. אונזער מנהג איז צו זאגן פרקי אבות דורך די גאנצע זומער ביז ראש השנה.
דאס דערמאנט אונז אז אפילו מיר זיינען מער געלאסן אין זומער, די וועטער איז ווארעם און מיר זיינען ניט אין שולע, קען מען זיך ניט אפלאזן אונזער תורה און מצוות. דוקא יעצט דארפן מיר זיך שטארקן אין יעדער ענין פון אידישקייט.
דער וואך הויבט מען אן זאגן פרק א'.



# משיח נאו!

ווען דער אויבערשטער האט אונז אנגעזאגט וועלכע בהמות זיינען כשר'ע און וועלכע זיינען ניט, האט ער געטראכט אויף עפעס ספעציעל.
ר' ברכי' זאגט אז אין צייט פון גאולה וועט דער אויבערשטער מאכן א ספעציעלע סעודה פאר אלע אידן וואס זיינען געווען פארזיכטיג מיט כשרות.
דאס איז וואס משה רבינו האט געהאט אין קאפ ווען ער האט געזאגט וועגן כשרות, אז אלע אידן זאלן קענען הנאה האבן פון די סעודה!

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# דערציילט מיר א מעשה

*ר' מרדכי דובין איז געווען א באוואוסטע חסיד פון פריערדיקן רבי'ן. ער איז געווען א גרויסע בעל כשרון, און האט געהאט א חלק אין די רעגירונג. ער האט גענוצט זיינע כשרונות און כוחות פאר גוטע זאכן, און ער האט געהאלפן צו באפרייען דעם פריערדיקן רבי'ן.*

*ווייבאלד ער איז געווען אזא געלונגענע מענטש, האבן די גויים אים זייער מקנא געווען. פיל מאל איז ער געזעסן אין תפיסה און מען האט אים כמעט געהרג'עט.*

איינמאל, איז ער געזעסן אין תפיסה. עס איז שוין געווען א פאר חדשים וואס ער איז געזעסן אין א קליינע קאלטע צימער מיט אכט אדער ניין אדער מענטשן. יעדער איינע פון זיי האט געוואוסט אז יעדער מינוט קען זיין זייער לעצטע. מען קען זיי מעניש זיין מיט יארן פון שווערע ארבעט אין סיביר, אדער ח"ו מיט טויט.

פלוצלונג האט זיך געעפנט די טיר, "דובין!"

צוויי סאלדאטן זיינען געשטאנען מיט אן אפיצער וואס איז אריינגעקומען און האט געליינט פון א פאפיר, "מרדכי דובין? שטעל זיך אויף אויפן פיס! קום מיט אונז!"

איז דאס געווען זיין סוף? וועט ער שוין קיינמאל ניט זען זיינע פריינט און זיין משפחה? ער האט געוואוסט אז ער קען גאר ניט טאן אנטקעגן זיי. נאר איין שטארקייט האט ער געהאט, ער וועט זיי ניט באווייזן אז ער האט פון זיי מורא.

ער האט געזאגט ווערטער פון תניא בעל פה און ער איז מיטגעגאנגען מיט זיי. מיט יעדער טריט איז ער געווארן מער אנגעפילט מיט א גרויסע שטאלצקייט. ער איז אסאך בעסער פון די סאלדאטן. זיי זיינען אזוי ווי בהמות, און ער איז פארבונדן מיט דעם אמת. ער איז געווען א חסיד פון דער איינציקער וואס איז געשטאנען אנטקעגן סטאלין, דער ליובאוויטשער רבי.

"דובין!" א נייע קול האט אויסגעשריען. ער האט אויפגעהויבן זיינע אויגן און האט געזען אז ער איז געשטאנען לעבן די עפענונג פון די תפיסה.

מסתמא האבן זיי אים אהער געבראכט צו שיסן, און דערנאך איבערלאזן אים אין די שניי פאר די הינט צו עסן.

"דיין נאמען איז מרדכי דובין?"

"יע." האט ער מיט שטאלץ געענטפערט.

א שמייכל איז ארויף געגאנגען אויף דעם פנים פון דעם אפיצער,

"מזל טוב!" האט ער געזאגט, " דו קענסט יעצט גיין פריי."

ער האט זיך געדרייט צו די אפיצערן ביים טיר און זיי האבן געעפנט די שווערע טירן.

"אבער מיינע קליידער, מיין מאנטל...." גלייך ווי ער האט געזאגט די ווערטער, האט ר' מרדכי געוואוסט אז ער האט געמאכט א טעות.

"אהא! ער וויל בלייבן. פארמאכט די טירן."

"ניין, ניין איך בין גרייט צו גיין."

זיי האבן געעפנט די טיר און ער איז ארויסגעגאנגען אין די פראסט.

אן א מאנטל האט ער כמעט ניט געהאט א האפענונג.

ער האט געהערט די לאכן פון די שלעכטע אפיצערן. עס איז געווען אזוי טונקל און קאלט אבער ער איז געלאפן. אפשר אזוי וועט ער זיך אפהיטן פון זיך פארפרירן.

ער איז ניט געווען איינגעוואוינט צו לויפן: אין ישיבה האט מען ניט געלאפן, אבער קיין ברירה האט ער ניט געהאט.

ער איז געלאפן ביז ער איז געפאלן, און אויפגעשטאנען און נאכאמאל געלאפן.

ענדליך איז ער אנגעקומען צו א פלאץ מיט הייזער. ווער ווייס וויפל מאל ער איז געפאלן? ער האט נאר געוואוסט אז ער מוז געפונען א אידישע שטוב. קיין אנדערע וועט אים ניט עפענען די טיר: זיכער ניט אינמיטן נאכט.

אה! א טיר מיט א מזוזה: א איד! ער האט אנגעהויבן קלאפן אויפן טיר.

"ראטעוועט, ראטעוועט, איך בין א איד!" האט ער געשריען.

ער האט שוין ניט געפילט זיינע פיס, עס איז געווען אזוי קאלט. יעצט, ווען ער האט אויפגעהערט לויפן, האט ער געפילט ווי די קעלט האט דורכגענומען זיינע ביינער. מיט זיינע לעצטע כוחות האט ער נאכאמאל געקלאפט.

א קליינע לאך האט זיך געעפנט אויפן צווייטן זייט פון טיר. ער האט געהערט ווי דער איד זאגט צו זיין ווייב,

" א שיכור'ע משוגענע! מיט קליידער פון די תפיסה, אן א מאנטל. ער האט געזען אונזער מזוזה און האט זיך געמאכט ווי א איד אז מיר זאלן אים אריינעמען."

ר' דובין איז אראפגעפאלן, ער האט שוין ניט געקענט שטיין. ער וועט זאגן זיין לעצטע שמע ישראל, און ער וועט גיין שלאפן: זיין אייביגע שלאף. אדאנק דעם אויבערשטן אז ער איז ניט אוועק אין די תפיסה: אפשר וועט ער באקומען א אידישע קבורה.

פלוצלונג, האט ער געעפנט זיינע אויגן, און האט אנגעהויבן טראכטן,

"ווארט א מינוט! ווען דער איד וועט עפענען די טיר מארגן אינדערפרי, און ער וועט באמערקן א טויטע מענטשן ביי זיין טיר, און ער וועט דערקענען אז איך בין א איד, וועט ער זיך קיינמאל ניט מוחל זיין. איך ווייס אז איך וואלט זיך קיינמאל ניט מוחל געווען אין אזא פאל. איך קען דאס ניט טאן צו נאך א איד!"

ער איז אויפגעשטאנען נאכאמאל און האט געקלאפט מיט כוחות וואס ער האט ניט געוואוסט אז ער האט.

"איך זאג אייך דעם אמת. איך בין מרדכי דובין. מיין מאמע איז..און מיין טאטע איז... לאזט מיר אריין, לאזט אריין א אידן. שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד!"

דער טיר האט זיך ענדליך געעפנט און ער איז אריינגעפאלן אין שטוב, קוים לעבעדיגערהייט.

*זיינע געפילן פאר א צווייטן אידן האט געראטעוועט זיין לעבן.*

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת שמיני

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים׳ס אופיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

ניץ די בילדער אלס אותיות: שרייב אראפ די פסוק, און ענטפער די פראגע!

| א | ב | ג | ד | ה | ו | ז | ח | ט | י | כ/ך |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | | | | | |
| ל | מ/ם | נ/ן | ס | ע | פ/ף | צ/ץ | ק | ר | ש | ת |
| | | | | | | | | | | |



# הצלחה רבה

נאמען:_______________________________ ווי אלט:_____

אדרעס:_______________________________

_______________________________

אימייל:_______________________________